פּוילע טאַבעלע פון דער מלוכה-לאָטעריע — זעה 9 זייט

Oprata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT — פּרייז 15 גראָשען — הייַנט 10 זייטען

# נייער פאָלקסבלאַט

| № 230 | לאָדז, דינסטאג כ״ה תשרי תרצ״ב | ניינטער יאהרגאנג | Łódź, Wtorek 6 października 1931 r. | № 230 |
|---|---|---|---|---|

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

# 100 נייע געזעץ-פּראָיעקטען

## האַט די רעגירונג אריינגעטראָגען אין סיים

וואַרשאַ, 5. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָר־רעספּאָנדענט) .די רעגירונג טראָגט כסדר אַריין נייע געזעץ־פּראָיעקטען אין סיים, ביז איצט האָט די רעגירונג אַריינגעטראָגען 100 נייע געזעץ־פּראָיעקטען.

## געפּסלט די וואַהלען צום סיים אין פּשעמיסלער קרייז

### נייע וואַהלען וועלען דאַרט פאָרקומען אין דריי חדשים אַרום

וואַרשאַ, 5. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָר־רעספּאָנדענט) .דאָס העכסטע געריכט האָט היינט בעטראַכט די אָנקלאַגע פון די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַר־טייען געגען די וואַהלען אין פּשעמישלער קרייז. נאָך אַ לענגערע בעראַטונג האָט דאָס העכסטע געריכט געפּסלט די וואַהלען אין דעם דערמאָהנטען קרייז, סיפּערלירען זייערע מאַנדאַטען: 4 פון ב.ב. און 1 אוקראַאינער. די נייע וואַהלען אין פּשעמישלער קרייז וועלען פאָרקומען אין 3 חדשים אַרום.

## אַ גאַטסלאָזער אוניווערזיטעט

### איז געעפענט געוואָרען אין סאַמאַרא

מאָסקווע, 5. (טו) אין סאַמאַרא איז געעפענט געוואָרען אַ אוניווערזיטעט פאַר גאָטלאָזע. יעהרליך וועלען דאָרט אויסגעבילדעט ווערען און וועלען אויס געהאַלטען ווערען דורך דער מלוכה אַ געוויסע צאָהל שילער. דער בנין אויף'ן אוניווערזיטעט איז איבער געמאַכט געוואָרען פון אַ צערקווע.

## בלוטיגע שלאַכטען אין בעלגיען

### מיט פלעמישע סעפּאַראַטיסטען

בריסעל, 5. (ספּ. טעל.) אין דער בעלגי־שער שטאָט האסעלט איז פאָרגעקומען א גרויסער קאַמף צווישען די פלעמישע סעפּאַראַטיסטען און דער פּאָליציי און זשאַנדאַמעריע. ס'איז פאָרגעקומען א קאַמף אין מיטען שטאָט. לויט די פּראָוויזאָרישע אויסרעכנונגען זענען פאַרהאַן 200 פאַרוואונדעטע.

## 226 פעסלעך מיט גאָלד

### האָט מען געבראַכט קיין פראַנקרייך

פּאַריז, 5 (טו) קיין שערבורג איז אָנגע־קומען דער דייטשער דאַמפער „אייראָפּא“, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך 226 פעסער מיט גאָלד פאַר א פּאַריזער גרויסער באַנק. פון ניו־יאָרק ווערט אויך ערוואַרט א גרויסער טראַנספּאָרט גאָלד.

——=):o:(=——

## דירעקטאָר פון אַקאָאָפּעראַטיווער באַנק בעגאַנגען מיסברויכען

קעלץ, 5 (טעלעפאָניש) דער דירעקטאָר פון דער קאָאָפּעראַטיווער באַנק מיעטשיסלאַוו קאָן איז בעגאַנגען מיסברויכען.

## די גרעסטע אַעראָפּלאַן-רייזע אין דער געשיכטע

טאָקיאָ, 5 (ספּ. טעל.) היינט פאַרטאָג זענען פון יאַפּאַן ארויסגעפלויגען איבער פּאַציפי־שען אָקעאַן 2 אַמעריקאַנער. הערנדאָן און פּאַנג־באָרן. די דאָזיגע רייזע וועט זיין די לענגסטע, וועלכע איז געמאַכט געוואָרען מיט אַן אַעראָפּלאַן.

## די פּראַגע וועגען דאַנציגער „קאָרידאָר“

### זאָל בעטראַכט ווערען אויף דער קאָנפערענץ צווישען הובער'ן און לאַוואַל'ן

## מיניסטער זאַלעסקי לייקענט אָפּ די דאָזיגע ידיעות

פּאַריז, 5. (ספּ. טעל.) אַ שטאַרקען איינ־דרוק האָט אין די פּאָליטישע קרייזען געמאַכט די דעפּעשע פון וואַשינגטאָן צו דער צייטונג „אַקסיאָן פראַנצעז “וועגען דעם אַז דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט הובער האָט בדעה צו קאָנפערירען מיט'ן פראַנצויזישען פּרעמיער לאַוואַל וועגען דעם פּויליי־שען „קאָרידאָר“ .

אויף ווי ווייט די דאָזיגע ידיעה האָט אַ ממשות קען מען נישט וויסען ,ווייל אַ טייל טעלעגראַפען־אַגענטורען לייקענען זי אָפּ.

וואַרשאַ, 5. (וו) אין אַ געשפּרעך מיט אַ פאָרשטעהער פון „איסקראַ“ האָט דער אויסערן־מיניסטער זאַלעסקי קאַטעגאָריש אָפּגעלייקענט אַלע ידיעות, וועלכע האָבען זיך בעוויזען אין די צייטונ־גען וועגען כלומרשטע אונטערהאַנדלונגען צווישען אַמעריקא און פראַנקרייך וועגען דאַנציגער קאָרידאָר שטימען נישט מיט דער ווירקליכקייט.

## העכערונג פון פּאָסט-מאַרקען, ראַדיא-אַבאָנעמענט פון טעלעפאָנען

וואַרשאַ, 5 (טעלעפאָניש) פון 15 אָקטאָ־בער אָן וועט צוגעהן אַ ספּעציעלער אָפּצאָהל צו פּאָסט־מאַרקען און צו אַלערליי פּאָסט־זענדונגען, צו די אָפּצאָהלען פאַר ראַדיאָ־אַפּאַראַטען און טע־לעפאָנען, די צוגאָב־אָפּצאָהלען וועלען גענומען ווערען פאַר אַרבייטסלאָזע.

## אַרבייטסלאָזע דערטרינקט איהרע 2 קינדער

### און בעגעהט אליין זעלבסטמאָרד

ווירצבורג, 5. (טוו) אַן אַרבייטסלאָזע פרוי האָט דערטרונקען אין אַ וואַנע איהרע צוויי קינדער פון צוויי און דריי יאָהר און דאַן איז זי אַריינגע־שפּרונגען אין אַ זענק־גרוב וואו זי איז אויך דער־טרונקען געוואָרען.

## די אַרבייטסלאָזע-אומרוהען פאַר'ן ענגלישען פּאַרלאַמענט





3 נאָוואָמיעסקאַ — 3 נאָוואָמיעסקאַ

טוך און קאַרט-געשעפט

Herman Włoski

לאָדז, נאָוואָמיעסקאַ 3 טעל. 114-92, פראָנט 2-טער שטאָק

עמפּפעהלט צום איצטיגען הערבסט- און ווינטער-סעזאָן דעם רייכסטען אויסוואַהל פון די נייעסטע

דאַמען- און הערען-שטאָפען

ווי: לאָדזער, טאָמאַשאָווער, ביליצער, לעאָנאַרד'ס און אויסל. אויסאַרבייטונגען

בעסטע קוואַליטעט! / נייעסטע מאָדע! / פאַבריקס-פּרייזען! / הורט און דעטייל!

געדענקט די אַדרעס! געדענקט די אַדרעס!

רעקלאַמע-וואָך!!!

דערמיט האָב איך דעם כבוד מיטצוטיילען דער ג' קונדשאַפט, אַז איך האָב ערעפענט אין צענטרום פון שטאָט אויף

פּעטריקאָווער 20 טעל. 85-240

דאָס איינציגע יודישע אייראָפּעאישע קאָלאָניאַל- און דעליקאַטעסען-געשעפט

איינגעריכטעט לויט דער לעצטער, טעכנישער און היגיענישער פאָדערונג.

אויף לאַגער א רייכער אויסוואַהל פון די בעסטע קאָלאָניאַל און שפּייז-אַרטיקלען, דעליקאַטעסען, געטרונקענע און רויהע פרוכטען. די פיינסטע סאַרדינען, שפּראָטען, סקומבריאָ'ס, טעה, קאַווע, קאַקאַאָ א. ד. גל. צו קאָסטען-פּרייזען.

אויפ'ן טעלעפאָנישען פערלאַנג ווערען אַלערליי בעשטעלונגען, זאָגאַר די קלענסטע, אָפּגעשיקט אַ היים, נישט צורעכענענדיג קיין שום ספּעציעלע קאָסטען.

איך עמפּפעהל מיך דער ג' קונדשאַפט און צייכען מיט אַכטונג

ב. זילבערצווייג, פּעטריקאָווער 20, טעל. 85-240

